### מע אין עטלעכע שורות

# רעצענזיעס וועגן ישראל־שרייבער

## יעקב פרידמאנס פאעמע „נח גרין"

„... איינס פון די שענסטע און געשמאקסטע זאַכן אין דעם רייכן 227סטן בוך „די גאָלדענע קייט", איז די „לעגענדע נח גרין".

— — — זי איז אַ געמיש פון „ברכי נפשי" און וואָלט וויטמאַן, כ'איז אַ קאָסמיש געזאַנג צו גאָט, וואָס האָט באַשאַפן אַלע לעבעדיקע באַשעפעניש און דעם מענטשן און ער האָט זיך דורך דעם גראַנדיעזן פון דעם זיין איינזאַם און פון דעם נישט קענען זען און דערזען זיך אַליין.

עס איז אַ קאָסמיש געזאַנג אין יידישן און אפילו אין חסידישן נוסח. [יעקב פרידמאַן קומט אַרויס פון אַ חסידיש־רבישער דינאַסטיע]

(יעקב באטאשאנסקי, „די פרעסע", בוענאָס איירעס, מאי 1957)

## ש. בערלינסקיס „ירושה":

„...די ביאָ־ביבליאָגראַפישע דאַטעס דערציילן וועגן בערלינסקיס ביטערן יידישן גורל — אַ גורל וואָס איז נישט עפּעס אומגעוויינלעכס צווישן די יידיש־פּוילישע שרייבער פון אונזער דור. זיי דערציילן אָבער אויך, אַז ער האָט געהאַט אַ סך אַ קלענערע מאָס אָנערקענונג ווי ער האָט פאַרדינט — און דאָס איז שוין ווייניקער געוויינלעך. וואָרום ש. בערלינסקי פאַרמאָגט שרייבערישע מעלות, וואָס שטעלן אים אַוועק צווישן אונזערע בעסערע און אפילו טיילמאָל בעסטע דער־ציילערס — — —"

(ד"ר שלמה ביקל, „דער טאָג־מאָרגן זשורנאַל", 7טער יולי 1957).

## מענדל מאנס „ביי די טויערן פון מאסקווע"

„...מענדל מאַנס בוך „ביי די טויערן פון מאָסקווע" איז ממש אַ קלאַסיש ווערק —

„דאָ האָט איר אַ גרויס בילד פון דער מלחמה —

„מענדל מאַנס בוך „ביי די טויערן פון מאָסקווע" איז אַ גרויס בוך. ער פאַרמעסט זיך גרויס און ווערט נישט געשטרויכלט —

„ער איז דאָ אַ מענטש און אַ קינסטלער —

„ער האָט מורא פאַר אַ פאַלש וואָרט. ער וואַכט איבער זיינע שורות, אַז קיין באַנאַליטעט, קיין שאַבלאָנישקייט זאָל זיך אַריינפלעכטן אין זיי — — —"

(ד"ר א. מוקדוני: „צוקונפט" — יולי־אויגוסט 1957).

## ק. צעטניקס „דאס הויז פון די ליאלקעס":

זעלטן ווען באַהערשט דיך אַ בוך מיט אַזאַ גרויליקן געפיל ווי ק. צעטניקס „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" — — — דו ביסט האַרי פרעלעשניק. דו ביסט זיין שוועסטער דאַניעלאַ — זייערע איבערלעבונ־גען, זייערע קאָשמאַרן ווערן דיינע. — — — ווער איז ער דער ק. צעטניק 135633? צי איז ער נישט דער האַרי פרעלעשניק, וואָס האָט אַזוי שטאַרק ליב זיין שוועסטער דאַניעלאַ? אַ ליבע וואָס וואַקסט אויף ממש ווי אַ מאָנומענט, אַן אהבה שאינה תלויה בדבר — אַ מין אהבה דוד ויונתן? אָדער ער איז בלויז דער קינסטלער וואָס האָט פון דאַניע־לאַס טאָגבוך און פון פעלאַס עדות־זאָגן אויפגעשטעלט און אויסגע־טרוימט אָט דאָס בוך פון גרויל, קאָשמאַר און גבורה?

— — — דער שרייבער ק. צעטניק דערציילט נישט אַלץ פון דער דעגענערירטער וועלט, ער איז מגלה טפח ומכסה שתים, ער פאַר־הוילט מערער ווי ער דערציילט — — —

— — — — עס געלונגט דעם מחבר אונז איבערצוצייגן, אַז סיי דער גוף — און אַ פשיטא שוין די נשמה — זענען געבליבן ריין און הייליק ביי דער יידישער פעלדהור, ביי דעם יידישן מיידל, וואָס האָט

אין איר באַשיידנקייט, אין איר צניעות, נישט באַנומען איר סיטואַציע, אָדער עס האָט נישט געסטאַיעט קיין מוט ביי איר צו באַגיין זעלבסט־מאָרד; צו גיין אויף קידוש השם, ווי עס פאָדערט אונזער רעליגיע.

— — — צי איז דאָס בוך קינסטלעריש? גיי, צוים די טראַגישע וואָר, דעם שוידערלעכן גרויל — אין קינסטלערישע פורעמס!

עס איז קונסט און אפשר מער פון דעם! — — —

(ל. באַיאַ', „פּאַרויס", מעקסיקע, 15 יולי 1957)

## י. מאניקס „טריט פון באגינען"

„...אין דער זאַמלונג וואָס פאַרנעמט קרוב צו 200 זייטן, איז מאַניק דער אומדערמידלעכער באַוווּנדערער פון דעם אויפגייענדיקן ישוב: ער זינגט און מאָלט, ער שילדערט, אָפט מיט שטילע צאַרטלעכע שורות, די ישראלדיקע לאַנדשאַפט, די פּיאָנערן־מי. — —

זיין שפּראַך איז קערנדיק, פשוט. ער איז ליריש און באַלאַדעסק.

— — — אויך צווישן יידיש־שרייבער אין מדינת ישראל, ותיקים אָדער ניי־געקומענע, איז דער פּאָעט אַן איינזאַמער מענטש — — —"

(אליעזר בלום, „צוקונפט", ניו־יאָרק, יולי־אויגוסט, 1957)

## וועגן ישעיה שפיגעלס „מלכות געטא"

„...אין שפּיגעלס קורצע נאָוועלן איז דאָ אַ הויך פון קינסטלערישן שטאָלץ, וואָס איז אייביק. פאַראַן אין זיינע זאַצן אַ געדיכטקייט, אַן אָתנטיקייט, אַ געמאָסטענע צוריקגעהאַלטנקייט און אַ ציכטיקייט. פאַראַן אין זיינע נאָוועלן אַ געדולדיקע אויפגעבויטקייט, ווי די געטאָ־יאָרן האַלטן אים נישט געשטאַנען אויפן קאַרק — · — —

„...פאַראַן אין שפּיגעלס דערציילונגען אַן אַריסטאָקראַטיש געוויין, ווי ער וואָלט אונז אַלעמען געוואָלט פאַרשפּאָרן די גרויסע, שענדלעכע איינצלהייטן; ווי ער וואָלט געוואָלט רייניקן דאָס דערציילערישע צו אַלץ וואָס לאָזט זיך דערציילן און קען ווערן אַן אויסגעאיידלטער און אייביקער סימבאָל.

— — — זיינע קורצע נאָוועלן וועלן פאַרבלייבן אין אוצר פון אונזער מלכות ישראל. כ'חיים נישט פון נאָך אַזאַ ביכל נאָוועלן, ביי אַן אומה ולשון וואָס איז געלעגן אונטער נאַצישן קנאַפּל — אַ ביכל וואָס זאָל אָטעמען מיט אַזויפיל קיניגלעכער ווערדע.

(יעקב גלאַטשטיין, „אין תוך גענומען", 1956)

## וועגן לייב ראכמאנס „און דיין בלוט זאלסטו לעבן"

„...דער גרויסער פראַנצויזישער שרייבער מאַרסעל פּרוסט, אגב אַ האַלבער ייד, איז געלעגן אין גסיסה. אָבער ווען דער טויט איז אָפּגע־טראָטן פון אים אויף אַ קויצער צייט און ס'איז אים בעסער געוואָרן, האָט ער געבעטן מ'זאָל אים ברענגען איינעם פון די בענדער פון זיין גרויסן ווערק: „היות ער באַשרייבט אין אים די גסיסה פון זיינעם אַ העלד, און איצט, ביי דער אייגענער גסיסה, זעט ער איין אַז ער האָט די גסיסה פון זיין העלד נישט ריכטיק באַשריבן, וויל ער אָט די שטעלע ענדערן. דעם דאָזיקן פרט פון מאַרסעל פּרוסטס לעבן פילט יעדן איי־נעם אָן מיט דרך ארץ צום דאָזיקן שרייבער, וועלכער האָט אַזוי ערלעך געדינט זיין שריפטשטעלערישער אַרבעט, אַז די אייגענע גסיסה אפילו האָט אים נישט אָנגעפילט מיט אַ ביטול־באַציונג צו זיין אַרבעט, און ער האָט די גסיסה זיינע, אויסגענוצט פאַר זיין אַרבעט. אָבער וואָס איז דער דאָזיקער פאַקט פון דער גרויסקייט פון מענטשלעכן גייסט לגבי לייב ראַכמאַן (לגבי איינעם פון די לייב ראַכמאַנס!), דעם מחבר פונעם טאָגבוך „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן"!

— — — ער זאָגט עדות פאַר דער געשיכטע אין אַ פּערמאַנענטן

„דאָ האָט איר אַ גרויס בילד פון דער מלחמה —
„מענדל מאַנס בוך „ביי די טויערן פון מאָסקווע" איז אַ גרויס
בוך. ער פאַרמעסט זיך גרויס און ווערט נישט געשטרויכלט —
„ער איז דאָ אַ מענטש און אַ קינסטלער —
„ער האָט מורא פאַר אַ פאַלש וואָרט. ער וואַכט איבער זיינע שורות,
אַז קיין באַנאַליטעט, קיין שאַבלאָנישקייט זאָל זיך אַריינפלעכטן
אין זיי — — — —"

(ד"ר א. מוקדוני: „צוקונפט" — יולי־אויגוסט 1957).

## ק. צעטניקס „דאס הויז פון די ליאלקעס":

זעלטן ווען באַהערשט דיך אַ בוך מיט אַזאַ גרויליקן געפיל ווי
ק. צעטניקס „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" — — — דו ביסט האַרי
פּרעלעשניק. דו ביסט זיין שוועסטער דאַניעלאַ — זייערע איבערלעבונ־
גען, זייערע קאָשמאַרן ווערן דיינע. — — — — ווער איז ער דער
ק. צעטניק 135633? צי איז ער נישט דער האַרי פּרעלעשניק, וואָס האָט
אַזוי שטאַרק ליב זיין שוועסטער דאַניעלאַ? אַ ליבע וואָס וואַקסט אויף
ממש ווי אַ מאָנומענט, אַן אהבה שאינה תלויה בדבר — אַ מין אהבה
דוד ויונתן? אָדער ער איז בלויז דער קינסטלער וואָס האָט פון דאַניע־
לאַס טאָגבוך און פון פעלאַס עדות־זאָגן אויפגעשטעלט און אויסגע־
טרוימט אָט דאָס בוך פון גרויל, קאָשמאַר און גבורה?

— — — דער שרייבער ק. צעטניק דערציילט נישט אַלץ פון דער
דעגענערירטער וועלט, ער איז מגלה טפח ומכסה שתים, ער פאַר־
הוילט מערער ווי ער דערציילט — — —

— — — — עס געלונגט דעם מחבר אונז איבערצוצייגן, אַז סיי
דער גוף — און אַ פשיטא שוין די נשמה — זענען געבליבן ריין און
הייליק ביי דער יידישער פעלדהור, ביי דעם יידישן מיידל, וואָס האָט

# ישראל־שרייבער

אין איר באַשיידנקייט, אין איר צניעות, נישט באַנומען איר סיטואַציע, אָדער עס האָט נישט געסטאַיעט קיין מוט ביי איר צו באַגיין זעלבסט־מאָרד ; צו גיין אויף קידוש השם, ווי עס פאָדערט אונזער רעליגיע.

— — — צי איז דאָס בוך קינסטלעריש ? גיי, צוים די טראַגישע וואָר, דעם שוידערלעכן גרויל — אין קינסטלערישע פורעמס !

עס איז קונסט און אפשר מער פון דעם ! — — —

(ל. באַיאַ, „פאָרויס", מעקסיקע, 15 יולי 1957)

## י. מאַניקס „טריט פון באַגינען"

„...אין דער זאַמלונג וואָס פאַרנעמט קרוב צו 200 זייטן, איז מאַניק דער אומדערמידלעכער באַוווּנדערער פון דעם אופגייענדיקן ישוב : ער זינגט און מאָלט, ער שילדערט, אָפט מיט שטילע צאַרטלעכע שורות, די ישראלדיקע לאַנדשאַפט, די פּיאָנערן־מי. — —

זיין שפּראַך איז קערנדיק, פּשוט. ער איז ליריש און באַלאַדעסק.

— — — אויך צווישן יידיש־שרייבער אין מדינת ישראל, ותיקים אָדער ניי־געקומענע, איז דער פּאָעט אַן איינזאַמער מענטש — — —"

(אליעזר בלום, „צוקונפט", ניו־יאָרק, יולי־אויגוסט, 1957)